יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 131 | Łódź, Czwartek, 8 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, י״ד סיון תרצ״ג | № 131

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# פאקט פון 4 אונטערגעשריבען

## אלע מלוכות האבען דעם פאקט פאראפירט

פאריז, 7. (ספ. טעל.) פון רוים איז מען מודיע, אז היינט איז פארגעקומען די זיצונג פון סענאט ביי אן׳איבערפולטען זאל און אין דער אנוועזנהייט פון די אמבאסאדארען פון פראנקרייך, ענגלאנד און בעלגיען.

מוסאליני האט געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט ארומגערעדט די געשיכטע, ווי אזוי דער פאקט איז ענטשטאנען, און אונטערשטריכענדיג, אז דער ערשטער טעקסט האט געמוזט געענדערט ווערען, ווייל דער פאקט האט געמוזט זיין א רעזולטאט פון צוזאמענארבייט פון אלע פיר גרויס-מאכטען.

נאכ׳ן אויסדריקען כבוד די רעגירונגען, וועלכע האבען מיט איהם מיטגעארבייט, האט מוסאליני אונטערגעשטראכען די לאיאליטעט און די דרייסטע אויפפיהרונג פון דער פראנצויזישער רעגירונג, ערקלערענדיג, אז די מיספערשטענדענישען, וואס האבען עקזיסטירט צווישען פראנקרייך און איטאליען וועלען איצט אויסגעמיטען ווערען.

נאך דער זיצונג פון סענאט זענען די אמבאסאדארען פון פראנקרייך, ענגלאנד און דייטשלאנד אוועק אין ווענעדישען פאלאץ, וואו זיי האבען 8 אין אווענד צוזאמען מיט מוסאליני׳ן איניציאליזירט ביים פריוואטער קאבינעט פונ׳ם איטאליענישען פרעמיער פאראפירט דעם נייעם פראיעקט פונ׳ם פאקט פון די פיר.

פאריז, 7. (ספ. טעל.) די דייטשע רעגירונג האט צוריקגעצויגען איהרע בעווארענישען בנוגע דעם פאקט פון די 4 און אפראבירט זיין גאנצקייט. אונטערגעשריבען איז ער געווארען 8 אין אוונט.

## דייטשיש מאראטאריום פאר אויסלענדישע חובות

פאריז, 7 (ספ. טעל.)

לויט ידיעות פון בערלין, זאל היינט די רייכסבאנק דערקלערען א מאראטאריום פאר די אויסלענדישע פריוואטע חובות.

דאס זאל זיין א פועל יוצא פון דער קאנפערענץ פון די דייטשע רעגירונגס-פארשטעהער מיט די פריוואטע אויסלענדישע קרעדיטארען.

## אטענטאט אויף ווענעזעלאס׳ן

### מ׳האט אויף איהם 40 מאל געשאסען, אבער נישט געטראפען

וויען, 7. (ספ. טעל.) פון אטען איז מען מודיע אז מ׳האט געמאכט אן׳אטענטאט אויפ׳ן געוועזענעם גריכישען פרעמיער ווענעזעלאס, וועלכער האט זיך אין דער בעגלייטונג פון זיין פרוי צוריקגעקעהרט אין אן׳אויטא פון דער געגענד קיפהיסיא.

הינטער ווענעזעלאס׳עס אויטא איז געפאהרען נאך אן׳אויטא, פון וועלכען מ׳האט אין א געוויסען מאמענט אפגעגעבען 40 שאסען.

ווענעזעלאס איז נישט פערוואונדעט געווארען באר די שטיקלעך גלאז פון די אויטא-שויבען האבען איהם לייכט צוקאליעטשעט.

זיין פרוי אבער, העלענא ווענעזעלאס און דער שאפער האבען בעקומען עטליכע וואונדען, זייער צושטאנד איז נישט געפעהרליך. דערפאר אבער איז זיין סעקרעטאר שווער פערוואונדעט.

די אטענטעטער זענען ענטלאפען.

אין די פאליטישע קרייזען האט דער אטענטאט געמאכט א שטארקען רושם.

## דער אמת איז ביטער

לאנדאן, 7 (ספ. טעל.)

די דייטשע רעגירונג האט אפגענומען דעם דעביט ביי דער פאפולערער ענגלישער צייטונג „דיילי הערואלד", וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו שטעמפלען אלע געמיינע טאטען פון דעם איצטיגען דייטשלאנד.

---

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי התורני המופלג ומשכיל מצויין במדות תרומיות

ב״ר

# נ״ע משה אריה יוסף ז״ל ארענבערג

בשנת השבעים ושלש לימי חייו.

הלויה תהיה היום ביום ה׳, י״ד סיון תרצ״ג בשעה 1 אחה״צ מבית האבל רחוב פיטרקובסקה 236.

השרויים בצער עמוק

בנו, בתו, חתנו, כלתו, נכדיו, נכדותיו, ניניו ואחותו

---


בעזה״י

פייערליכע ערעפנונג

פון די בחינות אין „חורב", צעגעלניאנא 16

היינט, דאנערשטאג, 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין איינענעם לאקאל די

פייערליכע ערעפנונג

פון די בחינות איז „חורב",

מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער רבנים און ספעציעל איינגעלאדענע געסט.

מיט די בחינות פיהרט אן דער נשיא פון פעדאגאגישען ראט, דער בעוואוסטער הרב הגאון ר׳ שלמה גרודזינסקי שליט״א (זאגזראווער רב)

די הנהלה.

3031

א הערצליכען מזל-טוב

ווינשען מיר דעם פרנס און ראטמאן, פרעזעס פון „נותן לחם"

פ. כארי

פאר זיין קויפען א קאלאניע ביי אוזדראוויסקא פאר ארימע קינדער. מיר ווינשען איהם ערפאלג פאר זיין אונערמידליכע ארבייט פאר׳ן וואויל פון יודישען פאלק.

די סעקציע אלטווארגער פון פאדושעטשנא 4 ביים צענטר. קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15.

3029

פאר גאלד, ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעם צאָהלט די העכסטע פרייזן

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

שיימלעך

צו בעקומען

קערש,

סהווערראווא 15

אלע דארפען וויסען!

צום זומער סעזאן בעקומט איהר

רעשטען

פון די בעסטע קוואליטעטען ביליצער, טאמאשאווער און אנדערע נייעסט - מאדערנסטע מוסטערן פון הערען- און דאמען-שטאפען

פאר דאמען

אויף פאלטענס, אויפקאסטיומען

נור ביי

30% מיט

ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך!

פאר מענער

אויף אנציגער, אויף פאלטענס

געדענקט דעם אדרעס

R. SZCZĘŚLIWY

5 נאוואמיעסקא 5, פראנט, 2. שטאק.

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער טייערען פריינד ה׳ יוסף עלבוים און קינדער צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי און מוטער

חנה נ״ע

זייט געטרייסט מיט די ווערטער המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פישעל פינס און פרוי.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם חשוב׳ן ד״ר י. קאצענבויגען אין זיין צער צוליב׳ן טויט פון זיין

מוטער

די פערוואלטונג פון קאפעלוש-מאכער-צעך אין לאדז פאלודניאווא 4.

3033

Dr.

Wajnberg

ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און סקלעראז-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פרית, 3-4 און 8-9 אוו

Dr. med.

HALTRECHT

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעמט אן פון 2—3 אנ; פון 6.30 ביז 8 אוונט. זונטאג פון 10—1 בטאג

אלע ארט אנאליזען.

פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע-פרייזן

